צווייטער אינטערנאַציאָנאַלער פֿאָרש־סעמינאַר אין ייִדישער קולטור
דעם 18טן ביזן 29סטן יוני 2001, ניו־יאָרק

---

# סטודענטישע רעפֿעראַטן

<u>מאָנטיק, דעם 18טן יוני, 4:00־5:00 נ"מ</u>

- דרור אבנד־דוד, פֿאַרגלײַכיקע ליטעראַטור, ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט, ניו־יאָרק
- עליזה בראַון, ענגלישער אָפּטייל, אוניווערסיטעט פֿון מישיגאַן, אַן אַרבאָר
- פֿרעדעריק גאַרניע, גערמאַניסטיק, סאָרבאָן/טריִערער אוניווערסיטעט, פֿראַנקרײַך/דײַטשלאַנד
- ראָני געכטמאַן, געשיכטע/ ייִדישע לימודים, ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט, ניו־יאָרק
- רוי גרינוואַלד, דײַטשע ליטעראַטור, סאָרבאָן, פּאַריז
- קעלי דזשאָנסאָן, ייִדישע ליטעראַטור, מקגיל אוניווערסיטעט, מאָנטרעאַל
- נעמי קאַדאַר, ייִדישע שטודיעס, קאָלאָמביע אוניווערסיטעט, ניו־יאָרק

<u>דינסטיק, דעם 19טן יוני, 4:00־5:00 נ"מ</u>

- סטעפֿאַן קראָך, פּראָפֿעסאָר פֿון דײַטשער לינגוויסטיק, אָרהוס אוניווערסיטעט, דענמאַרק
- רחל לוי, רעדאַקטאָרין פֿון Nieuw Israëlietisch Weekblad (NIW), האָלאַנד
- רבֿקה מאַרגאָליס, ייִדישע שטודיעס, קאָלאָמביע אוניווערסיטעט, ניו־יאָרק
- מיקאַעלאַ (מיקי) ספֿדי, לינגוויסטיק (Applied Linguistics) UCLA; University of Judaism, לאָס־אַנדזשעלעס
- אַליזאַ (שׂמחה) סאָלאָמאָן, פּראָפֿעסאָר פֿון ענגליש און טעאַטער, CUNY, ניו־יאָרק
- דאָראָטע (דאָראַ) וואַן טענדעלאָ, העברעיִשע, אַראַמעיִשע און ייִדישע לימודים, אוניווערסיטעט פֿון אַמסטערדאַם, אַמסטערדאַם

דאָנערשטיק, דעם 21סטן יוני, 4:00־5:00 נ"מ: סאָוועטיש־ייִדישע קולטור

- בעאַטאַ (בעאַ) נינק, הונגאַרן

**דער גורל פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטן־פֿאַרבאַנד נאָך 1917**

* איך וועל רעדן וועגן טעאַטער און ליטעראַרישן לעבן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד נאָך 1917. ערשט וועל איך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן די שרשים פֿון טעאַטער בײַ ייִדן אין מיזרח־אייראָפּע, פֿאַרוואָס מײַן טעמע הייבט זיך אָן אין 1917, און וועגן דער ראָלע פֿון ייִדיש. צווייטנס וועל איך איבערגעבן אַ פּאָר פּרטים וועגן דער אַרבעט און קונסט פֿון גאָסעט, דעם מלוכישן ייִדישן טעאַטער אין רוסלאַנד/ראַטן פֿאַרבאַנד. צום סוף וועל איך רעדן וועגן דעם גורל פֿון ייִדיש ליטעראַריש לעבן נאָך 1917.

- אַמעליאַ גלעזער, פֿאַרגלײַכיקע ליטעראַטור, סטאַנפֿאָרד אוניווערסיטעט, קאַליפֿאָרניע

**איבערזעצונגען פֿון *פּראָלעטפּען***

* איך וועל רעדן וועגן די פּאָעטן פֿון *פּראָלעטפּען*, וואָס איז געווען אַ קאָמוניסטישער פֿאַרבאַנד אין ניו־יאָרק אָנהייב 1929. כ'וועל אויך רעדן וועגן מײַנע איבערזעצונגען פֿון אָט די פּאָעטן. אינעם אָפּקלײַב וואָס איך האָב געמאַכט פֿון זייערע לידער, האָב איך געפּרוּווט אָפּשפּיגלען די פּאָליטישע אין סאָציאַלע מאָטיוון, וועגן ראַסיזם אין אַמעריקע, די פּאָגראָמען אין פּוילן, וועגן לענין. ווי אַזוי זאָל מע לייענען אָט די לידער הײַנט?

<u>**מאָנטיק, דעם 25טן יוני, 4:00־5:00 נ'מ: עטנאָגראַפֿיע, פֿאָלקלאָר**</u>

- **דיאַנאַ מאַטוט,** SOAS (School of Oriental and African Studies), לאָנדאָן

**דער אַזוי־גערופֿענער 'ווליך־כּתבֿ־יד': אַ פֿאָלקסליד־זאַמלונג פֿונעם 16טן־17טן יאָרהונדערט**

* די לידער און באַלאַדעס פֿונעם ווליך־כּתבֿ־יד זענען געזאַמלט געוואָרן סוף 16טן/ אָנהייב 17טן יאָרהתדערט. אַרײַנגענומען אין דער קאָלעקציע זענען דײַטשע פֿאָלקסלידער אין העברעיִשע אותיות, ייִדישע לידער און באַלאַדעס, ייִדישע באַאַרבעטונגען פֿון דײַטשע באַלאַדעס, אַ קורץ פּורים־שפּיל, און אַ 'טויטנטאַנץ.' אַ סך פֿון די לידער זענען שוין געווען באַקאַנט אינעם מיטלעלטער, אַנדערע זענען פֿאַרשריבן אין דער קאָלעקציע דאָס ערשטע מאָל. סע זענען נישט פֿאַראַן קיין מעלאָדיעס, אָבער כמעט אַלע לידער האָבן אַ שורה בײַם אָנהייב אָדער בײַם סוף וואָס זאָגט 'בניגון' - 'אין דער מעלאָדיע פֿון...' און נאָך דעם לייענט מען דעם טיטל פֿון אַ פֿאָלקסליד וואָס איז געווען אַזוי באַקאַנט אין יענער צײַט אַז יעדער האָט געקענט מיטזינגען דאָס ליד. פֿון די באַלאַדן דערפֿילט מען דעם טעם פֿון יענער תּקופֿה, די סאָציאַלע פּראָבלעמען, דאָס ייִדישע לעבן און דעם קאָנטאַקט פֿון דער ייִדישער און דער נישט־ייִדישער באַפֿעלקערונג.

- **איוו יאָכנאָוויץ,** פֿאָרשטעלונגס־לימודים (Performance Studies), ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט, ניו־יאָרק

**קאָכן און עסן אין ייִדישע ראַדיאָ־פּראָגראַמען**

* קולינאַרישע ראַדיאָ־פּראָגראַמען מוזן אַלע ספּראַווען מיט דער פּראָבלעם פֿון איבערגעבן די פֿיל־חושיקע איבערלעבונג פֿון קאָכן און עסן אויף אַ מעדיום וואָס כאַפּט נאָר דעם חוש פֿון קלאַנג. די ייִדישע און צווייִשפּראַכיקע פּראָגראַמען אויפֿן ייִדישן ראַדיאָ האָבן די פֿילטייטישקייט סײַ פֿון סינעסיעזיע, סײַ פֿון קאָד־בײַטונג.

איכ׳ל שפּילן קורצע אודיציעס - 'קליפּס' פֿון עטלעכע פֿון די פּראָגראַמען.

**דינסטיק, דעם 26סטן יוני, 4:00־5:00 נ״מ: יצחק באַשעוויס־זינגער**

**־ יורי װעדעניאַפּין, ייִדישע שפּראַך און געשיכטע,**

**דריטיאָרלער פֿון דער ייִדישער מלוכישער אַקאַדעמיע אין מאָסקווע**

**אַרום דעם '*בעל־תּשובֿה*'**

* אין דעם רעפֿעראַט פֿאַרנעם איך זיך מיט אַנגליציזמען אין דער שפּראַך פֿון יצחק באַשעוויסעס ראָמאַן *דער בעל־תּשובֿה*. עס ווערט באַטראַכט די ראָלע פֿון אַנגליציזמען אין סטיליסטישן און אידעיִשן פּלאַן פֿונעם ראָמאַן.

**־ חײַקע ברוריה וויגאַנד, אָפּטייל פֿאַר העברעיִש און ייִדישע לימודים ־** University College, London

**די ראָלע פֿון דער קבלה אין באַשעוויסעס ראָמאַן *דער שׂטן אין גאָריי***

* באַשעוויסעס ערשטער ראָמאַן *דער שׂטן אין גאָריי*, איז אָנגעשריבן אין פּוילן אינעם יאָר 1933. ער באַשרײַבט דעם פּועל־יוצא פֿון שבתי צבֿיס מעסיאָנערישער באַוועגונג צווישן דער מזרח־ערָאָפּעיִשע ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿון סוף 17טן יאָרהונדערט. צוויי העלדן פֿונעם ראָמאַן, ר׳ איטשע מאַטעס און ר׳ גדליה, פּערסאָניפֿיצירן פֿאַרשיידענע מאָדעלן, ווי אַזוי צו ברענגען די גאולה און צו פֿאַרריכטן דעם קאָסמישן טעות פֿון '*שבֿירת הכּלים*' לויט דער לוריאַנישער קבלה. דער פּרוּווּפֿאַל און צו לעצט דער קרבן פֿון די דאָזיקע צוויי מאָדעלן פֿון גאולה איז רעכעלע, די הויפּטהעלדין פֿונעם ראָמאַן. איר באַשרײַבונג רופֿט זיך איבער מיט עטלעכע רמזים פֿון דער קבלה.

די לעקציע באַטראַכט די פֿאַרשיידענע מאָדעלן פֿון גאולה און די קבלה־מאָטיוון אין *דער שׂטן אין גאָריי* און אַנאַליזירט די ראָלע, וואָס זיי שפּילן אין דער ליטעראַרישער קאָמפּאָזיציע פֿונעם ראָמאַן.

**דאָנערשטיק, דעם 28סטן יוני, 4:00־5:00 נ"מ: אַספּעקטן פֿון דער ייִדישער קולטור און אידעאָלאָגיע צווישן די צוויי וועלט־מלחמות**

- שיין בייקער, אָפּטייל פֿון דײַטשע לימודים, טעקסאַסער אוניווערסיטעט, אָסטען

**צו דעם דײַטשן־ייִדישן קריטישן אויפֿנעם פֿון דער ווילנער טרופּע**

* די רעדע גיט זיך אָפּ מיט די סימביאָטישע באַציִונגען צווישן די דײַטשע ייִדן און זייערע מזרח־אייראָפּעיִשע ברידער: פֿאַר וואָס איז עס אַזוי שטאַרק אָנגעגאַנגען די ברידער־שרײַבערס צווײַג און דעם קינסטלער הערמאַן שטרוק צו העלפֿן די יונגע טרופּע? ווי אַזוי האָבן די דײַטשע ייִדן אויסגעניצט די ווילנער טרופּע כּדי צו באַקעמפֿן דעם שוין דעמאָלט וואַקסדינקן דײַטשישן אַנטיסעמיטיזם אין די יאָרן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה? ווי האָבן די דײַטשע ייִדן געפֿונען אַן אופֿן זיך צו דערנענטערן צו דער דײַטשער קולטור דורכן מאַכן פֿון דער ווילנער טרופּע אַ בײַשפּיל פֿונעם 'אָסטיוד'?

איך וועל אַרומרעדן רעצענזיעס פֿון דער ווילנער טרופּעס פּריסטע יאָרן, טאַקע אין ווילנע אונטער דער דײַטשער מאַכט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ביז צו איר אָנקום אין בערלין אין די פֿריִע צוואַנציקער יאָרן, און וואָס פֿאַר באַציִונגען, אי אָפּענע, אי באַהאַלטענע, לגבי די 'אָסטיודן' מע קען באַמערקן אין אָט די רעצענזיעס.

כינעפֿינקע = [illegible]

- משה־יוסף קאַרליפּ, מיזרח־עראָפּעיִשע ייִדישע געשיכטע, ייִדישער טעאָלאָגישער סעמינאַר, ניו־יאָרק

**אויפֿן שיידוועג: קריזיס און המשכדיקייט אין אַ דזשורנאַל פֿון קעגן־עמאַנציפּאַציע**

איך וועל רעפֿערירן וועגן דעם דזשורנאַל *אויפֿן שיידוועג* וואָס איז אַרויס צוויי מאָל - אין אַפּריל און אויגעסט 1939. בפֿרט וועל איך רעדן וועגן די אַרטיקלען פֿון אליהו טשעריקאָווער, ישׂראל יעפֿרויקין, זעליג קלמנאָוויטש, אבֿרהם מענעס, און אבֿרהם גאָלאָמב. די דאָזיקע אינטעלעקטועלן האָבן פּרובירט צו שאַפֿן אַ נײַע אידעאָלאָגיע פֿאַר אַ צײַט פֿון קעגן־עמאַנציפּאַציע אין וועלכער ייִדן וואָלטן זיך אומגעקערט צו די קוואַלן פֿון דער טראַדיציע. איך פֿאַרשטיי די רעוויזיע סײַ ווי אַן אָפּרוף צו די מוראדיקע געשעענישן פֿון די שפּעט־דרײַסיקער יאָרן, סײַ ווי אַ פּראָצעס אין אידעאָלאָגיע פֿון ייִדישיזם.